



# תורת יואל

גליון מס' 98

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת כי תבא תשפ"ז


## היום הזה ד' אלקיך מצוך לעשות את החקים האלה (כו, ט"ז)

דער מדרש תנחומא ברענגט צו א פסוק אין תהילים: **באו נשתחוה ונכרעה לפני ד' עושנו**, זאגט דער מדרש, **צפה משה ברוח הקודש וראה שבית המקדש עתיד ליחרב והביכורים עתידין ליפסק, עמד והתקין לישראל שיהיו מתפללים בכל יום**, טייטש: משה רבינו האט געזעהן ברוח קדשו אז דער בית המקדש וועט רח"ל חרוב ווערן, און די מצוה פון ברענגען ביכורים וועט בטל ווערן, האט משה מתקן געווען, אז מען זאל דאווענען דריי מאל א טאג אנטקעגן די ביכורים, ע"כ דברי המדרש.

ויש להבין - פרעגט דער רבי זי"ע - די גמרא אין מסכת ברכות דף כ"ו שטייט בפירוש, אז די דריי טעגליכע תפלות זענען מתוקן געווארן אנטקעגן די **קרבנות תמידין**, און דער רבי זאגט אז אונז טרעף מיר נישט אין ערגעץ אז די תפלות זענען קעגן די **ביכורים**? ועוד, נאך איז שווער, פארוואס שמועסט דער מדרש נאר פון ביכורים, לכאורה אלע קרבנות זענען בטל געווארן נאך חורבן הבית.

**אמנם**, באמת די קרבנות תמידין פון צופרי און אווענט זענען נישט בטל געווארן, ווי עס שטייט אין ספר **עשרה מאמרות: ש'אליהו עודנו עומד ומקריב תמידין כסדרן בכל יום**, טייטש: אליהו הנביא שטייט יעדן טאג און איז מקריב תמיד של שחר, און תמיד של בין הערבים, מיר זענען אין גלות און מיר האבן ליידער נישט די זכי' דאס צו זעהן, דאך גלייבן מיר אז אלי' איז מקריב טעגליך.

ווי אויך שרייבט דער זיידע, דער הייליגער יטב לב, מיט דעם לשון, **מקובלני ממורי זקיני זלה"ה בעל הישמח משה**: איך האב אזוי מקובל פון מיין הייליגען זיידע, **פעם אחת**: איינמאל נאך ענדיגען שמו"ע איז אריינגעקומען צו מיר א מחשבה צו מתפלל זיין צו הקב"ה, איך זאל זוכה זיין צו זעהן ווי אלי' הנביא איז מקריב די קרבנות, און דער אייבערשטער האט ערפילט מיין בקשה, און איך האב געזעהן אלי' אנגעטהון מיט די בגדי כהונה, און ער איז מקריב די קרבנות תמידין, ע"כ זיין הייליגע לשון.

זעהט מען פון דא - פיהרט אויס דער רבי - אז די **תמידין** זענען באמת נישט בטל געווארן, און אלי' הנביא איז עס מקריב יעדן טאג אפי' בשעת מיר זענען אין גלות, אבער **ביכורים** קען נישט נוהג בזמן הזה, ווייל ביכורים קען מען ברענגען נאר איינער וואס פארמאגט קרקע אין ארץ ישראל, כדי ער זאל קענען זאגן: **ואת האדמה אשר נתת לי ד'**, און דאס איז נישט מעגליך נאכן חורבן, קומט אויס אז נאר די ביכורים איז בטל געווארן, במילא איז פארשטענדליך וואס דער מדרש זאגט **שבשביל הביכורים שראה שעתידין ליפסק לגמרי**, ווייל די ביכורים ברענגען וועט ווערן אפגעשטעלט, האט משה רבינו מתקן געווען אנטקעגן דעם, צו דאווענען יעדן טאג דריי תפלות, און מיט די כח פון תפלה, זאלן מיר זוכה זיין בקרוב צו בנין בית המקדש, אין ווייטער קענען ברענגען ביכורים, בב"א.

# מיין מעשה

**הרה"ח רבי שלום גראסבערג ז"ל** (דערציילט דורך זיין אייניקל - הרב שלמה אליעזר גליקמאן הי"ו)

עס איז געווען אין די ערשטע יארן פון די צוריקגעקומענע פליטים פון דער קריג, אידן האבן צוריק אויפגעשטעלט זייער משפחות מיט די פרנסות, און דער רבי זצ"ל איז געווען ווי טאטע פאר די אלע אידן.

האט פאסירט א אינטערעסאנטע מעשה, מיט מיין זיידע הרה"ח ר' שלום גראסבערג ז"ל וואס אינדערהיים בעפארן קריג איז ער געווען א גרויסע עושה, איז ער אריין צום רבי'ן און מציע געווען אז ער וויל האנדלען מיט דימאנטען, אסאך אחינו בני ישראל האבן דעמאלסט עוסק געווען אין דעם תחום, און מ'האט געהאט פרנסה בכבוד

האט דער רבי זי"ע אים געזאגט, ער זאל נישט עוסק זיין און קיין דימאנטען, אבער צוקוקענדיג ווי אנדערע אידן ווערן יעדן טאג נתעשר פון דעם, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער האט יא אריינגעשטעקט א געוויסע סכום געלד, און ער האט אנגעהויבן צו האנדלען מיט דימאנטען, און ולא עלתה לו, עס האט זיך נישט גוט געענדיגט, ער האט דערלייגט דאס גאנצע געלט וואס ער האט אריינגעלייגט.

האט ער דעמאלסט געגרינדעט דעם באקאנטן "מזל טרעוועל" און עס איז אים שווער געגאנגען, איינמאל איז אריינגעקומען צו רבין פאר א ברכה און דער רבי גיט אזוי א פרעג זאג נאר ר' שלום ווי אזוי גייט פרנסה? האט דער זיידע ר' שלום געענטפערט אז ער מוטשעט זיך זייער, פרעגט אים דער רבי "דו אדווערטייזט?" זאגט דער זיידע יא, פרעגט די רבי וואו? זאגט דער זיידע און די אידישע ליכט, דער רבי האט זיך זייער צולאכט... (גבאים האבן מעיד געווען, אז דער רבי האט זעלטן אזוי געלאכט) און דער רבי זאגט אים: ר' שלום מ'ברויך אריינלייגען א "אנאנס" און דער "נוי יארק טיימס."

פקודתו שמרה, און אריינגעלייגט א מודעה ביים סוף צייטונג פון צוויי שורות, ביי די פארלוירענע מודעות ווי מענטשן מעלדן אז מ'האט עפעס פארלוירן אדער געטראפן, און יענעם טאג האט א 19 יעריגער גוי געגרופען אז ער וויל באשטעלן א גרופ נסיעה, אויף וואס ער האט שיין פארדינט, און איז געבליבן א קונה אויף לאנגע יארן ווייטער, און אזוי איז ער נתעשר געווארן שלא כדרך הטבע.

מיט יארן שפעטער, הוא הגבה, ער איז געווען דער ערשטער וואס האט געגעבן צום דינער גאר א גרויסע סכום, וואס האט מחייב געווען אנדערע עשירים, און דער רבי האט געהייסן אויסרופען בשמו - עפעס וואס מ'האט קיינמאל נישט געטוהן - אז מ'זאל שטיצען ר' שלום גראסבערג און קויפן בילעטן ביי מזל טרעוועל, ווי מ'קען הערן אויפן טיי"פ.

# זכרונות בית רבי (ט)

**מנשה קעניג**

שנת תרח"צ, איז געווען א שווער יאר, כאטש די אקטועלע קריג האט זיך אנגעהויבן הערשט צוויי יאר שפעטער, אבער די לופט איז שוין געווען פארסמ'ט פון די נאצישע העצע בכלל, און דעם רשע'ס רעדעס בפרט, און דאס האט געהאט א השפעה אויף אלע ארומיגע לענדער אויך.

יענעם ווינטער, האט איינע פון די אנטיסעמיטישע פארטייען געווינען די רעגירונג אין ראמעניע, פאר א קורצע צייט, און געפרעדיגט שנאת ישראל, דורך די תפילת פון די אידישע קינדער האבן זיי פארלוירן די קומענדיגע רונדע און אראפ פון די מאכט, אבער די לופט איז שוין פארבליבן אנגעפיקעוועט מיט שנאת ישראל.

איינע פון די תוצאות איז געווען, אז די לאקאלע באהערדע און פאליציי, וואס פלעגן ביז היינט אוועקוקן פון די ישיבה, און אירע צענדליגע פרעמדע בחורים פון אנדערע לענדער, וואס האבן דא געוויילט אומלעגאל, און געווענליך ווען ס'איז פארגעקומען א אינספעקציע, פלעגט מען מודיע זיין פאראויס, און די בחורים פלעגן זיך באהאלטן, דאס אלעס האט זיך געטוישט, אפי' אונטערשמירן האט נישט געהאלפן, און זיי האבן אנגעהויבן אויסטיילן די ישיבה צרות כסדר.

די הנהלת הישיבה, בהחלטת רבינו, האבן געבעטן די בחורים זאלן אוועקפארן פון סאטמאר, און זיך אויסבאהאלטן אין אנדערע שטעט, אדער אהיימפארן צו זייער היימשטאט, בחורים זענען אנטלאפן קיין דעעש, קלויזענבורג, ועוד, און צומאל האט מען זיך אריינגעכאפט קיין סאטמאר פאר א וואך, צוויי, איינזאפן קדושה ביים רבי'ן זי"ע, הערן א שיעור, א דאווענען וכדו'.

יענע יאר האב איך נאך אריינגעכאפט צו זיין ביים סדר, און געבליבן ביז נאך שבועות, נאך יו"ט זענען אלע אויסלענדישע אהיים געפארן וגם אני בתוכם, וויל דער מצב איז געווארן שווערע, און קיינער האט נישט געוואוסט מה יולד יום.

פארן אהיימפארן, זענען מיר א גרופע פון בערך צוואנציג בחורים געגאנגען געזעגענען פונעם רבי'ן, מען האט שוין נישט אריינגעלאזט איינציגווייז, נאר מיר זענען אדורך דעם פענסטער, און דער רבי איז געשטאנען דארט געקוקט אויף אונז, און געזעגנט יעדן בחור מיט א בליק.

אזוי ליידער האט זיך געענדיגט מיינע דריי יאר אין ישיבת סאטמאר.

---

התנצלות: די ארטיקלן פון א בחור אין רבינ'ס ישיבה נאך אין סאטמאר, האט ארויסגערופן א שטארקער אפקלאנג, די שורות האבן ממחיש געווען, און לעבעדיג אפגעפארבט דאס לעבן פון א בחור אין ישיבה אין די אלטער היים, ליידער האט די קריג אפגעהאקט דאס שיין לעבן, ווי היינט באקאנט אלס "אינדערהיים."

עוד חזון, ברענגן צום ציבור, אינטערעסאנטע איינטראגעס און פאסירונגען פון די ישיבה יארן, אי"ה.

# הערת הקורא

**הר"ר שמואל אברהם ברילל הי"ו**

איך וואוין אין באנגקאק-טיילאנד, אין ווייטן מזרח, פון פאך אויס בין איך אן אדוואקאט מיט קליענטן פון אמעריקע, דערונטער פיהלע היימישע יונגעלייט וואס טוען געשעפטן דא אין לאנד, ווי אויך האב איך סאטמארע פריינט מיט וועמען איך האלט מיך נאנט.

ליינענדיג אין אייער גליון, איבער די סגולה פונם הייליגן ספר על הגאולה ועל התמורה, האב איך געבעטן עטליכע פון מיינע פריינט אז ביי די קומענדיגע נסיעה "ברענגט'ס מיר דעם ספר" למעשה האט עס געברענגט איינער פון די משגיחים פון די עדה, וואס וויילט דא אפט - אן עקסטרע השגחה פרטית ווי אזוי ס'איז אנגעקומען - און כ'האב גלייך אנגעהויבן לערנען יעדן טאג א שיעור קבוע.

איך וויל אייך נאר איבערגעבן, אז זייט דער ספר ליגט אויפן טיש אין מיין אפיס, זעה איך געוואלדיגע ישועות, איך האב געהאנדעלט מיט צוויי שווערע קעיסעס, וואס האט זיך געצויגן יארן, ווי די לאקאלע רעגירונג האט געקלאגט. אין דעם לעצטן חודש האבן זיךביידע קעיסעס סארטירט און פארשפארט.

**א ישר כח גדול פאר מיך מזכה זיין,**
***שמואל אברהם***